# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע


**זמנים (NYC)**

| | |
|---|---|
| הדלקת הנרות | 5:06 |
| מוצאי שב"ק | 6:38 |

**שיעורים כסדרן**

| | |
|---|---|
| נ"ך | זכריה י'-י"א |
| בבלי | נזיר י"ט |
| ירושלמי | פאה כ"ב |
| תוספתא | בבא קמא ה' |
| רמב"ם | סנהדרין י"א |


פרשת יתרו, כ' שבט, שנת תשפ"ג לפ"ק

שנה 12, גליון 20 (590)


## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, דָאס פָּאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, אָבֶּער מֹשֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קט"ו) זָאגְט אוֹיף דֶעם פָּסוּק, וֶוער עֶס לִיגְט אִין גַשְׁמִיּוּת אַלֶע זַיינֶע יָארְן, עֶר לֶעבְּט נִישְׁט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן דֶערְנָאךְ בַּארֶעכְנְט עֶר זִיךְ אֵיין טָאג אוּן עֶר מַאכְט אָפּ צוּ וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיז דֶער מִדַּת הַדִּין מְקַטְרֵג אוֹיף אִים, וואוּ אִיז עֶר גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט? אוּן מַאכְט אִים שְׁוֶוער צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל דָאךְ אָבֶּער יָא אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אִים דִינֶען, וָואס טוּט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער? עֶר בַּאהַאלְט עֶר זִיךְ אִין דִי מְנִיעָה, אוּן וֶוער עֶס הָאט שֵׂכֶל, קוּקְט אַרַיין אִין דִי מְנִיעָה, זוּכְנְדִיג 'וֶוער בְּרֶענְגְט מִיר דִי מְנִיעָה, וֶוער מַאכְט מִיר דָאס שְׁוֶועריִקַייט?' אוּן עֶר טְרֶעפְט דָארְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דָאךְ דָאס גֶעמַאכְט. וֶוער עֶס הָאט אָבֶּער נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן פוּן זַיין מְנִיעָה, פוּן זַיין טוּנְקֶעלֶע נֶעפְּל.

וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט זִיךְ פָאר אַ גוּטֶע קַבָּלָה, צוּם בֵּיישְׁפִּיל, עֶר גֵייט וֶוערְן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, עֶר גֵייט אָנְהֵייבְּן דַאוֶונֶען, עֶר גֵייט אָנְהֵייבְּן אַ נֵייעֶ שִׁיעוּר, דַארְף עֶר ווִיסְן אַז מֶען גֵייט אִים יֶעצְט בְּרֶענְגֶען מְנִיעוֹת, מֶען גֵייט אִים פְּרוּאוּוְן מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, דֶער יֵצֶר הָרַע גֵייט בְּרֶענְגֶען אִין אִים, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל זֶען צִי עֶר ווִיל אֱמֶת'דִיג זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אוֹיבּ וֶועט עֶר זַיין גְרֵייט זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִיבֶּער דִי אַלֶע שְׁוֶועריִקַייטְן. אוּן אַז דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל פַארְשְׁטֵייט עֶר אַז אִין דִי אַלֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס הָאט דָאס גֶעבְּרֶענְגְט אוֹיף אִים, דֶערְפַאר בְּלַייבְּט עֶר שְׁטַארְק אוּן פַאלְט נִישְׁט אַרָאפּ.

מִיט דֶעם טַייטְשְׁט דֶער רֶבִּי דֶעם פָּסוּק, וַיַּעֲמֹד הָעָם מֵרָחֹק, דָאס פָּאלְק אִיז גֶעשְׁטַאנֶען פוּן דֶערְוַוייטְנְס, דָאס הֵייסְט, מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען נִישְׁט מְקוֹרָב צוּם צַדִּיק, וֶוען זֵיי זֶעעֶן אַ נֶעפְּל, מְנִיעוֹת אוּן נִסְיוֹנוֹת שְׁטֵייעֶן זֵיי פוּן דֶערְוַוייטְנְס, זֵיי גֶעבְּן גְלַייךְ אוֹיף, "עֶס אִיז נִישְׁט פַאר מִיר, אִיךְ וֶועל שׁוֹין נִישְׁט זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, אִיךְ קֶען נִישְׁט דַאוֶונֶען, אִיךְ קֶען נִישְׁט לֶערְנֶען", וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, אָבֶּער מֹשֶׁה הָאט זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְט צוּ דֶעם וָואלְקְן וָואס דָארְט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דָאס הֵייסְט, דֶער צַדִּיק גֵייט נָאנְט צוּ דִי מְנִיעָה, אֲפִילוּ עֶר זֶעט זִיךְ מִיט שְׁוֶועריִקַייטְן, ווֵייסְט עֶר אַז אִין דִי מְנִיעָה אִיז בַּאהַאלְטְן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער.

בַּיי קִינְדֶער אִיז דָא אַ שְׁפִּיל וָואס מֶען רוּפְט "הֵייס קַאלְט", דֶער שְׁפִּיל גֵייט אַזוֹי, אֵיינֶער נֶעמְט אַ זַאךְ אוּן בְּשָׁעַת אַלֶע אַנְדֶערֶע קִינְדֶער זֶעעֶן נִישְׁט לֵייגְט עֶר עֶס אוֹיף אַ בַּאהַאלְטֶענֶע פְּלַאץ, דֶערְנָאךְ הֵייבְּן אַלֶע אָן עֶס זוּכְן, אָבֶּער מֶען ווֵייסְט דָאךְ נִישְׁט וואוּ צוּ זוּכְן, גֵייט דֶער שְׁפִּיל, אַז דֶער בַּאהַאלְטֶער גֶעבְּט סִימָנִים, אוֹיבּ הֵייבְּט מֶען אָן זוּכְן אוֹיף דִי פַארְקֶערְטֶע רִיכְטוּנְג זָאגְט עֶר: "קַאלְט", וֶוען מֶען קוּמְט נֶענְטֶער זָאגְט עֶר: "הֵייס", אוּן וֶוען מֶען קוּמְט שׁוֹין גָאר נָאנְט זָאגְט עֶר: "קָאכֶעדִיג". הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט פוּן אַ בְּרֶסְלֶבֶ'עֶר חָסִיד זִייעֶר אַ שֵׁיינֶע לִימּוּד וָואס מֶען קֶען אַרוֹיס נֶעמֶען דֶערְפוּן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט אַרִיבֶּער גָאר שְׁוֶוערֶע אִיבֶּערְגֵייעֶכְץ, עֶר שְׁפִּירְט ווִי עֶס אִיז "קָאכֶעדִיג", עֶס אִיז אִים שְׁרֶעקְלִיךְ הֵייס אִין לֶעבְּן, עֶר גֵייט אַרִיבֶּער קָאכֶעדִיגֶע נִסְיוֹנוֹת וְכוּ', דַארְף עֶר ווִיסְן, 'קָאכֶעדִיג' מֵיינְט אַז מֶען אִיז שׁוֹין נֶענְטֶער צוּ דֶער יְשׁוּעָה, דוּ שְׁטֵייסְט יֶעצְט נֶעבְּן דַיין יְשׁוּעָה, עֶפְן אוֹיף דַיינֶע אוֹיגְן, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא בַּיי דִיר, עֶפְן דַיין מוֹיל אוּן זָאג אַרוֹיס אַ וָוארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַנְטְלוֹיף נִישְׁט וֶוען דוּ זֶעסְט אַ וָואלְקְן, אֱמֶת אַז עֶס אִיז דִיר שְׁוֶוער, אָבֶּער פַאר יֶעדְן אִיז שְׁוֶוער מִיט זַיינֶע זַאכְן, אוּן יֶעדֶעס מָאל אִיז עֶס עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, אַמָאל מִיט דִי וַוייבּ, אַמָאל מִיט דִי קִינְדֶער, אַמָאל מִיט דִי בִּיזְנֶעס, נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרִיבֶּער מִיט דִי אֵייגֶענֶע נִסְיוֹנוֹת הַיֵּצֶר, זָאלְסְטוּ גֶעדֶענְקְן וָואס דֶער רֶבִּי לֶערְנְט אוּנְז, וּמֹשֶׁה נִגַּשׁ אֶל הָעֲרָפֶל אֲשֶׁר שָׁם הָאֱלֹקִים, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין מַיינֶע מְנִיעוֹת, אִין מַיינֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן שְׁוֶועריִקַייטְן.

מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זָאגְן, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף דָאךְ וֶוערְן דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָבֶּער וָואס הֵייסְט דָבוּק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן? פְלֶעגְט מוֹהֲרָא"ש וַוייזְן, נֶעם צְוֵויי פַּאפִּירְן קְלֶעבּ עֶס צוּזַאם מִיט קְלֶעבּ, יֶעצְט אַז דוּ ווִילְסְט עֶס צוּרִיק צֶעטֵיילְן קֶען מֶען עֶס נִישְׁט אָפְּטֵיילְן גְלַאטֶערְהֵייט, נָאר אֵיין פַּאפִּיר וֶועט זִיךְ מִיט שְׁלֶעפְּן מִיט דִי אַנְדֶערֶע פַּאפִּיר, דָאס אִיז דֶער 'דְבֵיקוּת' אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין אַזוֹי צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר רַייסְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם אַרָאפּ, עֶר פַאלְט נֶעבֶּעךְ אַרָאפּ אִין אַ נִסָּיוֹן, שְׁלֶעפְּט עֶר מִיט אַ שְׁטִיקְל, דָאס הֵייסְט עֶר שְׁרֵייט פוּן דָארְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, קוּק וָואס אִיךְ טוּ", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם קוּק וָואס אִיךְ גֵיי אַרִיבֶּער", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ ווֵייס אַז דוּ בִּיסְט בַּאהַאלְטְן אִין דֶעם נִסָּיוֹן הֶעלְף מִיר אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען שְׁטַארְקְן דֶערוֹיף", "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ גֵיי וַוייטֶער גֵיין אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶונֶען, שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב, אִיךְ גֵיי זִיךְ נִישְׁט דֶערְשְׁרֶעקְן פוּן דִי אַלֶע מְנִיעוֹת".

(אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל, יִתְרוֹ תשפ"ב)

## מוֹהֲרָא"ש דֶערְצֵיילְט

### זַיי מִיר מוֹחֵל

מִיר גֶעפִינֶען זִיךְ יֶעצְט אִין דִי הֵיילִיגֶע שׁוֹבָבִי"ם טֶעג, וֶוען יֶעדֶער אִיד קֶען גְרִינְג תְּשׁוּבָה טוּן אוּן זִיךְ דֶערְנֶענְטֶערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעריבֶּער אִיז יֶעצְט דִי פַּאסִיגְסְטֶע צַייט אַז אַ מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דָאס מֵיינְט אַז עֶר זָאל אַרוֹיסְזָאגְן מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן: "אִיךְ הָאבּ דָאס אוּן דָאס גֶעטוּן, זַיי מִיר מוֹחֵל אוֹיף דֶעם. אִיךְ הָאבּ עֶס נִישְׁט גֶעטוּן דִיר צוּ דֶערְצֶערְנֶען, נָאר וַוייל דֶער יֵצֶר הָרַע הָאט זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוֹיף מִיר", אוּן אַזוֹי וַוייטֶער זָאל מֶען זִיךְ פַארְעֶנְטְפֶערְן פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז בֶּאֱמֶת ווִיל מֶען זַיין ווָאוּיל.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דֶער מֶענְטְשׁ פַארְדִינְט פוּן דֶעם וָואס עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. אַזַא מֶענְטְשׁ קֶען מֶען שׁוֹין נִישְׁט שְׁטְרָאפְן, עֶר נֶעמְט אַרָאפּ פוּן זִיךְ אַלֶע דִינִים אוּן שְׁלֶעכְטֶע גְזֵירוֹת. חַזַ"ל זָאגְן (סִפְרָא פַּרְשַׁת בְּחֻקֹּתַי) אַז אִין דִי מִינוּט וָואס אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גְלַייךְ זִיךְ מְרַחֵם אוֹיף אִים. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל נָאר אֵיין זַאךְ, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זִיךְ אַרָאפְּבֵּייגְן דֶעם קָאפּ

<<<<<<

## א גוט ווארט

וֶוען עֶס קוּמֶען אַרַיין מַחְשָׁבוֹת אַז דוּ גֵייסְט נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ גֵייסְט נִישְׁט טְרֶעפְן קַיין שִׁידוּךְ – זָאלְסְטוּ דָאס אַרוֹיסְטְרַייבְּן, שְׁרַיי: "צֵא טָמֵא! גֵיי אַרוֹיס טָמֶא'נֶע מַחְשָׁבָה!" וַוייל דִי מַחְשָׁבוֹת זֶענֶען פוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא; דוּ הָאסְט אַ שִׁידוּךְ, דוּ וֶועסְט חֲתוּנָה הָאבְּן, דוּ וֶועסְט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע שְׁטוּבּ, דַארְפְסְט זִיךְ נָאר דֶערְהַאלְטְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן.

אִיךְ בֶּעט דִיר מַיין לִיבֶּער בְּרוּדֶער, מַיין הַארְצִיגֶער חַבֶר, גֵיי אָן מִיט דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי ווִיכְטִיגֶע זַאכְן, גִיס אָפּ נֶעגְל וַואסֶער בַּיים בֶּעט, גֵיי אִין מִקְוֶה, טוֹבֵל זִיךְ אַ טְבִילָה פַארְ'ן רֶבִּי'ן - רַבֵּינוּ נַחְמָן בֶּן פֵיגָא וְתַלְמִידָיו הַקְדוֹשִׁים, דְרֵיי תְּפִילוֹת מִיט מִנְיָן, אוּן לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִקְרָא, מִשְׁנָה, גְמָרָא וַהֲלָכָה, אוּן זַיי זִיךְ מִתְבּוֹדֵד. זַיי נִישְׁט מְוַותֵּר אוֹיף דִי נְקוּדוֹת.

נָאכְאַמָאל, אַ שִׁידוּךְ הָאט נִישְׁט מִיט אַ נָאמֶען, גֶעלְט, כָּבוֹד וְכוּ' וְכוּ'; אַ שִׁידוּךְ הָאט נָאר מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמוֹת תשפ"ג)

**אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א**

# סְעוּדוֹת שַׁבָּת זֶענֶען מְתַקֵּן אַלֶע פְּגָמִים

בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ

עֶרֶב שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת וָאֵרָא, מְבָרְכִים הַחוֹדֶשׁ, י״ג שׁוֹבָבִי״ם, כ״ז טֵבֵת, שְׁנַת תשפ״ג לִפְרָט קָטָן

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר

מִיר גֵייעֶן יֶעצְט אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן שַׁבָּת פוּן שׁוֹבָבִי״ם. מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג חַזְרְ'ן בַּיי דִי לֵיל שִׁישִׁי שִׁיעוּרִים פוּן שׁוֹבָבִי״ם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּנְחוּמָא בְּרֵאשִׁית, ג): ״כְּבוֹד שַׁבָּת עָדִיף מֵאֶלֶף תַּעֲנִיּוֹת״, זִיךְ פְרֵייעֶן שַׁבָּת אוּן הָאבְּן פַארְגֶענִיגְן שַׁבָּת - אִיז מֶער פוּן פַאסְטְן טוֹיזְנְט טֶעג; דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ אִיךְ דִיר, זֶע צוּ מַאכְן שֵׁיינֶע סְעוּדוֹת, זִינְג זְמִירוֹת אוּן דֶערְצֵייל שֵׁיינֶע מַעֲשִׂיּוֹת פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, דִי סְעוּדוֹת שַׁבָּת וֶועלְן דִיר מְתַקֵּן זַיין אַלֶע פְּגָמִים.

זִינְג זְמִירוֹת בַּיי דִי סְעוּדָה. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן קד) זִינְגֶען זְמִירוֹת אִיז אַן עִיקָּר אִין אִידִישְׁקֵייט; וִוי לַאנְג נֶעמְט צוּ זִינְגֶען דִי בִּיסְל זְמִירוֹת? הוֹיבּ אָן דִי סְעוּדָה פְרַייטָאג צוּ נַאכְטְס מִיט ״שָׁלוֹם עֲלֵיכֶם״; עֶס נֶעמְט נִישְׁט לַאנְג, עֶס נֶעמְט אִינְגַאנְצְן אַפָּאר מִינוּט.

וֶוער עֶס אִיז מְכַבֵּד שַׁבָּת - וֶוערְט רַייךְ. חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (שַׁבָּת קיט.) וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז מְכַבֵּד דֶעם שַׁבָּת - וֶוערְט עֶר גֶעבֶּענְטְשְׁט מִיט עַשִׁירוּת, אַזוֹי וִוי רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא הָאט דֶערְצֵיילְט: אַמָאל בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אִין דִי שְׁטָאט לוּדְקִיָא אוּן אִיךְ בִּין דָארְט אַיינְגֶעשְׁטַאנֶען בַּיי אֵיינֶעם, הָאבּ אִיךְ גֶעזֶען אַז מֶען הָאט אִים אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַ גָאלְדֶענֶעם טִישׁ, דֶער טִישׁ אִיז גֶעוֶוען גֶעמַאכְט פוּן אַזוֹיפִיל גָאלְד אַז זֶעכְצְן מֶענְטְשְׁן הָאבְּן דָאס גֶעדַארְפְט אוֹיפְהֵייבְּן; אִינֶעם טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען זֶעכְצְן זִילְבֶּערְנֶע קֵייטְלֶעךְ צוּגֶעבִּינְדְן צוּ זֵיי טֶעלֶערְס אוּן גְלֶעזֶער, אוֹיפְ'ן טִישׁ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע גֶעשְׁמַאקֶע עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען, אוּן שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּשָׂמִים.

וֶוען מֶען הָאט אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט דֶעם טִישׁ הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִילִים (תְּהִלִּים כד, א): ״לַה׳ הָאָרֶץ וּמְלוֹאָהּ וגו׳״, אַלֶעס אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס, נָאכְן עֶסְן הָאבְּן זֵיי גֶעזִינְגֶען דֶעם קַאפִּיטְל תְּהִילִים (תְּהִלִּים קטו, טז): ״הַשָּׁמַיִם שָׁמַיִם לַה׳ וְהָאָרֶץ נָתַן לִבְנֵי אָדָם״.

הָאבּ אִיךְ זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט - פַארְצֵיילְט רַבִּי חִיָּיא בַּר אַבָּא - ״אִיךְ הָאבּ אִים גֶעפְרֶעגְט דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס פַאר אַ גוּטֶע זַאךְ הָאסְטוּ גֶעטוּן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט דִיר גֶעגֶעבְּן אַזַא רַייכְטוּם?״ הָאט עֶר מִיר גֶעזָאגְט: ״אִיךְ בִּין אַ קַצָּב (בּוּטְשֶׁער) אוּן וֶוען אִיךְ זֶע אַ שֵׁיינֶע בְּהֵמָה לֵייג אִיךְ דָאס אַוֶועק פַאר מִיר פַאר שַׁבָּת״, הָאט אִים רַבִּי חִיָּיא גֶעזָאגְט: ״אַשְׁרֶיךָ שֶׁזָּכִיתָ״, ווַאוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ הָאסְט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ דֶעם, ״וּבָרוּךְ הַמָּקוֹם שֶׁזִּכֵּךְ לְכָךְ״, אוּן גֶעלוֹיבְּט אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַז עֶר הָאט דִיר מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם.

**אַ פְרֵיילִיכְן שַׁבָּת.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה וָאֵרָא תשפ״א)

<<<<<< מוֹהֲרָא״שׁ דֶערְצֵיילְט

פַאר אִים אוּן זָאגְן אַז עֶר וִויל זַיין גוּט. דֶער פָּסוּק זָאגְט (הוֹשֵׁעַ יד, ג) ״קְחוּ עִמָּכֶם דְּבָרִים וְשׁוּבוּ אֶל ה׳״, זָאגְן אוֹיף דֶעם דִי חַזַ״ל (פְּסִיקְתָּא דְרַב כַּהֲנָא, פֶּרֶק כ״ד) אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט אַז עֶר דַארְף גָארְנִישְׁט פוּנֶעם מֶענְטְשׁ, נָאר וֶוערְטֶער. עֶר וִויל נָאר אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל רֶעדְן צוּ אִים אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין, אוּן דַאן וֶועט עֶר אִים שׁוֹין מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶעס.

דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א׳ סִימָן ד׳) אַז וֶוען אַ אִיד טוּט חַס וְשָׁלוֹם אַן עֲבֵירָה, וֶוערְט דָאס אַרַיינְגֶעקְרִיצְט אִין זַיינֶע בֵּיינֶער, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְחֶזְקֵאל לב, כז) ״וַתְּהִי עֲוֹנוֹתָם חֲקוּקָה עַל עַצְמוֹתָם״. אוּן דָאס מַאכְט אַז דִי בֵּיינֶער פוּנֶעם מֶענְטְשׁ זָאל צוּבְּרָאכְן וֶוערְן. דָאס בְּרֶענְגְט נָאכְדֶעם אַלֶע צָרוֹת אוּן יִסוּרִים אוֹיפְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶער מֶענְטְשׁ וֶוערְט אַ דֶערְבִּיטֶערְטֶער אוּן טְרוֹיעֶרִיגֶער מֶענְטְשׁ. וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ זָאגְט אָבֶּער אַרוֹיס מִיטְ'ן מוֹיל פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן, דַאן גֵייעֶן אַרוֹיס דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיינֶע בֵּיינֶער, עֶס נֶעמְט אַוֶועק פוּן אִים אַלֶע צָרוֹת, אוּן עֶר וֶוערְט אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ.

דֶערִיבֶּער זָאגְן מִיר אֵייבִּיג דִי וִדּוּי בַּיים דַאוֶונֶען לוֹיט דִי א׳ ב׳ – אָ׳שַׁמְנוּ בָּ׳גַדְנוּ גָּ׳זַלְנוּ אוּן אַזוֹי וַוייטֶער. אוּן דִי זֶעלְבֶּע בַּיי דִי לַאנְגֶע ״עַל חֵטְא׳ס״ גֵייט עֶס אוֹיךְ לוֹיט דִי א׳ ב׳. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען נוּצְט דִי אוֹתִיּוֹת אוֹיף זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, מִיט דֶעם גֵייט אַרוֹיס דִי אַלֶע אוֹתִיּוֹת פוּן דִי בֵּיינֶער.

וַוייל דָאס זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אוּן עֶס הֶעלְפְט אַזוֹיפִיל פַארְ'ן מֶענְטְשׁ, דֶערִיבֶּער הָאט מֶען אַזוֹי מְתַקֵּן גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין יֶעדְן טָאג בַּיי תַּחֲנוּן, אוּן טֵייל זֶענֶען זִיךְ מִתְוַדֶּה אוֹיךְ בַּיי דִי בְּרָכָה פוּן ״שְׁמַע קוֹלֵנוּ״, אוֹיךְ דִי וָואס זָאגְן יֶעדְן טָאג דִי קְרִיאַת שְׁמַע שֶׁעַל הַמִּטָּה פוּן אֲרִ״י הַקָּדוֹשׁ זֶענֶען זִיךְ דָארְט נָאכְאַמָאל מִתְוַדֶּה.

דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט גֶענוּג, וַוייל אַסַאךְ מָאל הָאט דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט דֶער קָאפּ אוֹיפְ'ן פְּלַאץ, אוּן עֶר טְרַאכְט אֲפִילוּ נִישְׁט וָואס עֶר זָאגְט. דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיף זַיין אֵייגֶענֶע שְׁפְּרַאךְ אוּן מִיט זַיינֶע אֵייגֶענֶע גֶעפִילְן, זִיךְ אוֹיסְרֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן. זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין צוּ אִים, אוּן אִים אִיבֶּערְבֶּעטְן. אוּן דָאס וֶועט מַאכְן דֶעם מֶענְטְשׁ פַאר אַ פְרֵיילִיכֶער מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס וֶועט אַרָאפְּנֶעמֶען פוּן אִים אַלֶע שְׁלֶעכְטְס.

### אִיךְ מֵיין עֶס נִישְׁט אֱמֶת׳דִיג

אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן וָואס הַאלְט צוּרִיק דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה זַיין אִיז דָאס וָואס עֶר טְרַאכְט בַּיי זִיךְ אַז עֶר מֵיינְט דָאךְ נִישְׁט אֱמֶת׳דִיג וָואס עֶר זָאגְט. עֶר זָאגְט טַאקֶע פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען ווָאוֹיל, אוּן אַז עֶר גֵייט שׁוֹין פוּן יֶעצְט אוּן וַוייטֶער אֵייבִּיג זַיין עֶרְלִיךְ אוּן זִיךְ אוֹיפְפִירְן נָאר גוּט. עֶר וֵייסְט דָאךְ אָבֶּער טִיף אִין הַארְץ דֶעם אֱמֶת אַז עֶר זָאגְט דָאס נִישְׁט אֱמֶת׳דִיג מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, עֶר אִיז נָאכְנִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט אַז עֶר וֶועט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט נָאכְאַמָאל דוּרְכְפַאלְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אָבֶּער אַז אֲפִילוּ וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ מֵיינְט עֶס נִישְׁט אִינְגַאנְצְן אֱמֶת׳דִיג אִיז עֶס אוֹיךְ זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן עֶס נוּצְט אוֹיךְ. אַזוֹי וִוי מִיר זֶעעֶן בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן בִּלְעָם, זָאגְט דָארְט דֶער פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר כה, לד) ״וַיֹּאמֶר בִּלְעָם אֶל מַלְאַךְ ה׳ חָטָאתִי״ - בִּלְעָם הָאט גֶעזָאגְט פַארְ'ן מַלְאָךְ אַז עֶר אִיז זִיךְ מוֹדֶה אוּן מִתְוַדֶּה אַז עֶר הָאט גֶעזִינְדִיגְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעטוּן רִיכְטִיג. זָאגְט אוֹיף דֶעם דֶער מֶדְרָשׁ (בַּמִּדְבָּר רַבָּה כ׳, ל״ו) אַז בִּלְעָם אִיז גֶעוֶוען אַ קְלוּגֶער מֶענְטְשׁ, עֶר הָאט גֶעוואוּסְט אַז וִוי נָאר אַ מֶענְטְשׁ אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה אוּן זָאגְט ״אִיךְ הָאבּ גֶעזִינְדִיגְט״, דַאן קֶען קַיין שׁוּם מַלְאָךְ אִים נִישְׁט אָנְרִירְן אוּן שְׁלֶעכְטְס טוּן.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז אֲפִילוּ אַזַא רָשָׁע וִוי בִּלְעָם, וָואס עֶר הָאט זִיכֶער גֶעוָואלְט וַוייטֶער אוֹיךְ שְׁלֶעכְטְס טוּן; וִוִיבַּאלְד עֶר הָאט זִיךְ אָבֶּער מִתְוַדֶּה גֶעוֶוען, הָאט מֶען אִים שׁוֹין נִישְׁט גֶעקֶענְט שְׁטְרָאפְן. אִיז דָאךְ זִיכֶער בַּיי אוּנְז, וָואס מִיר זֶענֶען גָאר וַוייט פוּן צוּ זַיין אַזוֹי וִוי בִּלְעָם, יֶעדֶער אִיד וִויל בֶּאֱמֶת זַיין ווָאוֹיל אוּן עֶרְלִיךְ, נָאר עֶר הָאט אַ שְׁוֶוערֶע יֵצֶר הָרַע; אִיז דָאךְ זִיכֶער אַז וֶוען עֶר אִיז זִיךְ מִתְוַדֶּה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִים אַלֶעס מוֹחֵל, אוּן עֶס קֶען גָאר נִישְׁט פַּאסִירְן קַיין שְׁלֶעכְטְס צוּ אִים.

וֶוען אַ אִיד וֶועט זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען שְׁטֶענְדִיג אִיבֶּערְצוּבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן זִיךְ מִתְוַדֶּה צוּ זַיין, אֲפִילוּ וֶוען אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶר עֶס נִישְׁט זָאגְן מִיטְ'ן גַאנְצְן אֱמֶת אוּן מִיטְ'ן גַאנְצְן הַארְץ, וֶועלְן אָבֶּער דִי וֶוערְטֶער צוּבִּיסְלֶעךְ אַרַיינְגֵיין מֶער אוּן מֶער אִין זַיין הַארְץ, בִּיז עֶר וֶועט עֶס טַאקֶע יָא זָאגְן מִיט אַן אֱמֶת. עֶר וֶועט וֶוערְן אַן אֱמֶת׳עֶר עֶרְלִיכֶער אִיד, אוּן עֶס וֶועט אִים זַיין גוּט אוּן ווָאוֹיל אוֹיף דִי וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ו עֶרֶךְ וִדּוּי)

## דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן (קסב)

### תקע

סוֹף יֶענֶעם זוּמֶער אִיז דֶער מְחוּתָּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַרְיֵה לֵייבּוּשׁ פוּן וָואלְטְשִׁיסְק זי״ע, גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, אוּן עֶר הָאט גֶעוָואלְט מִיטְנֶעמֶען מִיט זִיךְ זַיין זוּן אוּן זַיין שְׁנוּר מָרַת מִרְיָם, דִי טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶּער נִישְׁט מַסְכִּים גֶעוֶוען בְּשׁוּם אוֹפָן אַז דִי זָאל מִיטְפָארְן מִיט זֵיי, אוּן דֶערִיבֶּער אִיז דִי טַאקֶע נִישְׁט גֶעפָארְן, דִי אִיז גֶעבְּלִיבְּן בַּיי אִיר טַאטֶע, אוּן אִיר שְׁוֶוער מִיט אִיר מַאן זֶענֶען גֶעפָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל אָן אִיר.

### שְׁנַת תקס״ו

### תקעא

אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה תקס״ו זֶענֶען זִיךְ צוּזַאמְגֶעקוּמֶען אַ גְרוֹיסֶער קִיבּוּץ פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, אַזוֹי וִוי עֶס אַיינְגֶעפִירְט יֶעדֶעס יָאר צוּ קוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה (זֶע אוֹיבְן אִין סִימָן תי״ט).

מִיטְל נַאכְט רֹאשׁ הַשָּׁנָה הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה, עֶס אִיז גֶעדְרוּקְט אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן צֶעטֵיילְט אִין צְוֵויי תּוֹרוֹת (חֵלֶק א׳, סִימָן נ״ח אוּן סִימָן נ״ט). דֶער רֶבִּי הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דִי תּוֹרָה אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים פ״ט, ט״ז) ״אַשְׁרֵי הָעָם יֹדְעֵי תְרוּעָה״, דִי בֵּיידֶע תּוֹרוֹת אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן זֶענֶען גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן אוֹיף אֵיינְמָאל, נָאר שְׁפֶּעטֶער וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן הָאט עֶר עֶס צֶעטֵיילְט אוֹיף צְוֵויי תּוֹרוֹת. אוּן וֶוען עֶר הָאט עֶס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פַאר רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר אִים גֶעזָאגְט, ״אִיךְ הָאבּ עֶס צֶעטֵיילְט אוֹיף צְוֵויי״, רֶבִּי נָתָן הָאט

<<<<<<

פַאְרשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אִין דֶעם אַ טִיפֶע כַּוָונָה, וָואס נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֵוייסְט.

### תקעב

אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה אִיז דֶער רֶבִּי אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען פוּן מִקְוֶה אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶס אִיז אִים יֶעצְט נִתְגַלֶה גֶעוָוארְן פוּן הִימְל וִוי אַזוֹי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאלְן זִיךְ פִירְן אִין דֶעם עִנְיָן פוּן תַּעֲנִיתִים זֵייעֶר גַאנְץ לֶעבְּן, וְויפִיל אוּן וֶוען יֶעדֶער פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זָאל פַאסְטְן תַּעֲנִיתִים יֶעדֶעס יָאר, אוּן עֶר הָאט גֶעזָאגְט פַאר אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז נָאךְ יוֹם טוֹב זָאלְן זֵיי אַרַיינְקוּמֶען צוּ אִים.

### תקעג

נָאךְ יוֹם טוֹב זֶענֶען טַאקֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, יֶעדֶער אֵיינֶער בַּאזוּנְדֶער, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט יֶעדְן גֶעגֶעבְּן אַ צֶעטְל וֶועלְכֶע טֶעג זֵיי זָאלְן פַאסְטְן. דֶער רֶבִּי אַלֵיין הָאט גֶעהַאט בַּיי זִיךְ אָפְּגֶעשְׁרִיבְּן בִּכְתַב יַד קָדְשׁוֹ דִי אַלֶע זַאכְן, קֵיינֶער הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס דָארְט שְׁטֵייט וַוייל דֶער רֶבִּי הָאט נִישְׁט גֶעלָאזְט אַרַיינְקוּקְן אִין זַיין צֶעטְל.

רֶבִּי נָתָן אִיז אוֹיךְ אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּם רֶבִּי'ן צוּ בַּאקוּמֶען זַיין צֶעטְל, עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי זִיצְט בַּיים טִישׁ מִיטְ'ן צֶעטְל אִין הַאנְט, עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט זֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט אָבֶּער עֶר הָאט גֶעזֶען וִוי דֶער רֶבִּי זִיצְט אוּן טְרַאכְט אַרַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק, עֶר הָאט זִיךְ שְׁטַארְק גֶעפְּלָאגְט אוּן מְעַיֵין גֶעוֶוען אִינֶעם צֶעטְל, בִּיז וֶוען עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזָאגְט פוּן זַיין הֵיילִיג מוֹיל דִי טֶעג וֶוען רֶבִּי נָתָן זָאל פַאסְטְן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי טֶעג פוּן כ"ב אָדָר, ט"ז אִיָיר, י"א סִיוָן, אוּן י"א טֵבֵת. אוּן עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט אַז אוֹיבּ אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג וֶועט אוֹיסְפַאלְן אוּם שַׁבָּת קוֹדֶשׁ אָדֶער אִין אַ טָאג וֶוען מֶען קֶען נִישְׁט פַאסְטְן, זָאל עֶר אָפְּשְׁטוּפְּן דֶעם תַּעֲנִית אוֹיף אַ טָאג שְׁפֶּעטֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהֵייסְן רֶבִּי נָתָן עֶר זָאל אָפְּשְׁרַייבְּן דִי טֶעג אוֹיף אַ צֶעטְל עֶס צוּ גֶעדֶענְקֶען, אוּן עֶר הָאט אִים אָנְגֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דֶעם צֶעטְל עֶס נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן.

דֶער רֶבִּי הָאט אִים אוֹיךְ אָנְגֶעזָאגְט אַז אִין דִי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְטֶע חֳדָשִׁים זָאל עֶר מֶער אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף דִי מִצְוָה פוּן גֶעבְּן מַעֲשֵׂר, עֶר זָאל סְפֶּעצִיעֶל מֶער זִיךְ מִשְׁתַּדֵל זַיין צוּ גֶעבְּן מַעֲשֵׂר אִין דִי חֳדָשִׁים.

### תקעד

דִי זַאךְ פוּן דִי תַּעֲנִיתִים הָאט דֶער רֶבִּי גֶערֶעדְט מִיט יֶעדְן פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ בַּאזוּנְדֶער, אוּן עֶר הָאט זֵיי אָנְגֶעזָאגְט אַז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה, אֵיידֶער דֶער רֶבִּי הוֹיבְּט אָן זָאגְן תּוֹרָה, וֶוען עֶר גְרֵייט זִיךְ צוּ צוּ זָאגְן תּוֹרָה, דֶעמָאלְט זָאלְן זֵיי מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי תַּעֲנִיתִים וָואס עֶר הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן.

דֶעמָאלְט אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה זָאלְן זֵיי מְקַבֵּל זַיין אוֹיף זִיךְ דִי אַלֶע תַּעֲנִיתִים פַאר דִי גַאנְצֶע יָאר, אוּן וֶוער עֶס וֶועט נִישְׁט זַיין בַּיי אִים אוֹיף רֹאשׁ הַשָּׁנָה, זָאל בִּכְלַל נִישְׁט פַאסְטְן.

### תקעה

אוּם חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן אִיז גֶעבּוֹירְן גֶעוָוארְן בַּיי רֶבִּי נָתָן אַ אִינְגְל לְמַזָל טוֹב, רֶבִּי נָתָן הָאט גֶעוָואלְט פָארְן צוּם רֶבִּי'ן אִיבֶּערְצוּגֶעבְּן דִי גוּטֶע בְּשׂוּרָה, אָבֶער לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר נִישְׁט גֶעקֶענְט פָארְן בִּיז עֶרְשְׁט נָאכְ'ן בְּרִית, אוּן עֶר הָאט נָאמֶען גֶעגֶעבְּן פַארְ'ן קִינְד מֵאִיר.

דֶערְנָאךְ אִיז רֶבִּי נָתָן גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן, אוּן דֶעמָאלְט אִיז גֶעוֶוען דִי צְוֵוייטֶע מָאל וָואס דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעוִויזְן זַיין סֵפֶר, וָואס מִיר רוּפְן "סֵפֶר הַנִּשְׂרָף", דֶער סֵפֶר וָואס מֶען הָאט פַארְבְּרֶענְט. דֶער רֶבִּי הָאט אִים דֶעמָאלְט פַארְגֶעלֵיינְט עֶטְלִיכֶע שְׁטִיקְלֶעךְ פוּן דֶעם סֵפֶר, רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר אִיבֶּערְגֶענוּמֶען אוּן דֶערְצִיטֶערְט, כָאטְשׁ וָואס עֶר הָאט בִּכְלַל נִישְׁט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס דָארְט שְׁטֵייט.

### תקעו

אוּם חוֹדֶשׁ כִּסְלֵיו אִיז רֶבִּי נָתָן נָאכְאַמָאל גֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, דֶעמָאלְט אִיז עֶר גֶעזֶעסְן בַּיים רֶבִּי'ן פַאר דְרֵיי וָואכְן נָאכְאַנַאנְד, עֶר הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט שְׁרַייבְּן דֶעם גַאנְצְן "סֵפֶר הָא-ב, דָאס אִיז דֶער סֵפֶר הַמִּדוֹת, וָואס עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן נָאךְ צוּרִיק אִין יָאר תקס"ג (זֶע פְרִיעֶר אִין סִימָן תפ"ו).

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

<<<<<< נייעס

זיך אנשטרענגען מער פון אלע מעגליכקייטן צו העלפן דעם בית הדפוס צו קענען אנגיין מיט ישוב הדעת מיט די ברייטע אקטיוויטעטן פון הדפסה און הפצה.

ווער עס איז זוכה אליין ארומצוגיין פארשפרייטן די הייליגע ספרים, אשרי לו ואשרי חלקו, דאס איז די גרעסטע זאך ביים אייבערשטן ווען מען ברענגט צוריק זיינע קינדער צו אים, אבער ווער עס קען דאס נישט באווייזן, קען זיך אויך נישט ארויסדרייען פון הפצה, מען דארף זיך אנשליסן אינעם בית הדפוס, יעדע וואך און חודש זאל מען געבן געלט צו קענען דרוקן און פארשפרייטן די ספרים, און מיט דעם האבן א גלייכער טייל אין די הייליגע פעולות. צו מנדב זיין פאר'ן בית הדפוס קען מען רופן **718-387-2691**.

נאך די דרשה האט מען געבענטשט ברכת המזון, און דער עולם זיך צוגאנגען מיט פרישע קבלות טובות זיך צו שטארקן ווייטער מיט די לימודים פון מוהרא"ש און ארויסהעלפן דאס פארשפרייטן איבער די וועלט.

דער אייבערשטער זאל העלפן אז מיר זאלן טאקע זיך ווייטער האלטן אינאיינעם און ממשיך זיין צו דינען דעם אייבערשטן מיט שמחה אזוי ווי מוהרא"ש האט אונז געלערנט, ביז מיר וועלן שוין זוכה זיין צו די גאולה שלימה בב"א.

**לזכר עולם יהיה צדיק!**

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



# וִוי אַזוֹי דֶערְהַאלְט אִיךְ זִיךְ וֶוען סְ'אִיז אַ גֵיהִנוֹם אִינְדֶערְהֵיים?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

שׁוֹין לַאנְגֶע חֳדָשִׁים וָואס דֶער מַצָב בַּיי אוּנְז אִינְדֶערְהֵיים אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער, אָבֶער יֶעצְט אִיז שׁוֹין מַמָשׁ עֶק וֶועלְט, מַיינֶע עֶלְטֶערְן הַאלְטְן זִיךְ בַּיים גֶט'ן, אוּן יֶעדְן טָאג אִיז דָא קְרִיגֶערַייעֶן אוּן פַיינְטְשַׁאפְט אִינְדֶערְהֵיים, עֶס שְׁפִּירְט זִיךְ וִוי זֵיי זֶענֶען מַמָשׁ צְוֵויי פַיינְט.

אִיךְ שְׁרַייבּ דִי וֶוערְטֶער מִיט טְרֶערְן אִין דִי אוֹיגְן, אִיךְ שְׁפִּיר וִוי אִיךְ הַאלְט עֶס מֶער נִישְׁט אוֹיס, אִיךְ מוּז הָאבְּן אַסַאךְ חִיזוּק צוּ קֶענֶען וַוייטֶער אָנְגֵיין אִין לֶעבְּן מִיט שִׂמְחָה אוּן עֶרְלִיכְקֵייט.

אוֹיסֶער דֶער זֶע אִיךְ וִוי מַיינֶע עֶלְטֶערְן וֶוערְן שְׁוַואכֶער אוּן שְׁוַואכֶער אִין אִידִישְׁקֵייט, אוּן וִוי מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער קֶען מֶער נִישְׁט אוֹיסְהַאלְטְן דֶעם מַצָב אוּן זִי אַנְטְלוֹיפְט צוּ מָאוִויס, אוּן דָאס טוּט מִיר זֵייעֶר וֵויי.

אִיךְ דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן יֶעדְן טָאג אַז עֶר הָאט מִיר צוּגֶעשְׁטֶעלְט דִי רְפוּאָה פַאר דִי מַכָּה, אַז אִיךְ בִּין גֶעוָוארְן מְקוּרָב צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן, צוּ דִי דְרָשׁוֹת פוּן רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, וָואס דָאס גֶעבְּט מִיר חַיוּת, הָאפֶענוּנְג, אוּן אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה, אִיךְ קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי אַזוֹי אִיךְ וָואלְט זִיךְ אַן עֵצָה גֶעגֶעבְּן אָן דֶעם.

אִיךְ וֶועל זִיךְ פְרֵייעֶן אוֹיבּ דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א וֶועט מִיר קֶענֶען שְׁרַייבְּן אַבִּיסְל חִיזוּק, אוּן אוֹיךְ וִוי אַזוֹי אִיךְ קֶען מְחַזֵק מַיין יוּנְגֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער אוּן אִיר אַרוֹיסְהֶעלְפְן.

יְיַשֵׁר כֹּחַ

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א' פַּרְשַׁת בְּשַׁלַח, כ"א שׁוֹבָבִי"ם,
ז' שְׁבַט, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן אֵייעֶר בְּרִיוו.

דֶערְהַאלְטְס אַייךְ מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, נָאךְ אַבִּיסְל וֶוערְט אִיר אַ כַּלָה, אִיר וֶועט אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ שֵׁיינֶע אִידִישֶׁע וַוארֶעמֶע שְׁטוּבּ, אוּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס עֵצוֹת אוּן מִיטְ'ן רֶבִּינְ'ס שֵׂכֶל - וֶועט אִיר הָאבְּן אַ זִיסֶע גוּטֶע לֶעבְּן.

עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער פַאר קִינְדֶער וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ. קֵיינֶער פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט דִי צַעַר פוּן דִי קִינְדֶער וָואס דִי עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ; עֶס אִיז זֵיי גֶעפֶערְלִיךְ שְׁוֶוער, מֶען וֶוערְט צֶעדְרִיקְט יֶעדֶע מִינוּט אִין לֶעבְּן.

מִישְׁט זִיךְ נִישְׁט אַרַיין וֶוען זֵיי קְרִיגְן זִיךְ. אִיר זָאלְט שְׁטֵיין פוּן דִי זַייט אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן, זֵיי זָאלְן זִיךְ לִיבּ הָאבְּן. אַזוֹי אוֹיךְ גֶעבְּט אַכְטוּנְג אוֹיף אַייעֶרֶע יוּנְגֶערֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, עֶס זָאל זֵיי גוּט זַיין.

זַייט שְׁטַארְק אִין תְּפִלָּה וְהִתְבּוֹדְדוּת, גֵייט יֶעדְן טָאג אִין אַ שְׁטִילֶע פְּלַאץ וואוּ קֵיינֶער גֶעפוּנְט זִיךְ נִישְׁט, אוּן גִיסְט אוֹיס אֵייעֶר הַאַרְץ. שְׁמוּעֶסְט מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין אֵייעֶר שְׁפְּרַאךְ, דֶערְצֵיילְט אִים וָואס גֵייט אַלְץ אַרִיבֶּער אִין שְׁטוּבּ, דֶערְצֵיילְט אִים אֵייעֶר וֵוייטָאג, בֶּעטְס אִים פַאר אַ גוּטֶע שִׁידוּךְ, פַאר שָׁלוֹם בַּיי דִי עֶלְטֶערְן אוּן בַּיי גַאנְץ כְּלַל יִשְׂרָאֵל.

אַזוֹי אוֹיךְ זָאלְט אִיר זָאגְן יֶעדְן טָאג תְּהִילִים, אֲפִילוּ נָאר אַפָּאר קַאפִּיטְלֶעךְ תְּהִילִים - וֶועט אִיר זֶען גְרוֹיסֶע נִיסִים.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן אִיר זָאלְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַח תשפ"ג)

BreslevCenter.com\answers

# תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם

מֶענְטְשְׁן קְרִיכְן אַ גַאנְץ יָאר אוֹיף גְרָאדֶע וֶוענְט, אוּן בִּפְרַט יֶעצְט שׁוֹבָבִי"ם, מֶען וֵוייסְט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן, מֶען מֵיינְט אַז תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז לֶערְנֶען שָׁעוֹת רְצוּפוֹת, אָדֶער פְּרִישׁוּת אִין שְׁטוּבּ, אוּן מֶען וֶוערְט אָנְגֶעגֶעסְן פוּן דֶעם אוּן מֶען לָאזְט אַלֶעס אָפּ.

דַארְפְן מִיר פַארְשְׁפְּרֵייטְן אַז תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז גֵיין אִין שׁוּל דְרֵיי מָאל אַ טָאג דַאוְוענֶען, תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז לֶערְנֶען אַבִּיסְל חוּמָשׁ מִיטְ'ן תַּרְגוּם אַיינְגֶעטֵיילְט יֶעדְן טָאג לְפִי דִי פַּרְשָׁה, תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי מִצְוֹת וָואס מֶען טוּט, זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דִי תְּפִילִין, מִיט דִי צִיצִית, מִיט שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז זַיין אַ וַתְּרָן אִין שְׁטוּבּ, זִיךְ פִירְן מִיט דִי וַוייבּ מִיט סַבְלָנוּת, תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם אִיז נִישְׁט הָאבְּן קַיין קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה, וִויסְן אוּן גֶעדֶענְקֶען אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז נָאר גוּט, "טוֹב ה' לַכֹּל" (תְּהִילִּים קמה, ט), דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נָאר גוּט, אוּן וָואס מִיר גֵייעֶן אַרִיבֶּער – דָאס אִיז נָאר גוּטְס; דָאס אִיז תִּיקוּן שׁוֹבָבִי"ם.

מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, מִיט אֱמוּנָה קֶען מֶען אַלֶעס פַארְרֶעכְטְן; וֶוען אַ מֶענְטְשׁ נֶעמְט אַרַיין אִין זִיךְ 'אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, נִישְׁטָא גָארְנִישְׁט אוֹיסֶער אִים; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי, מְדַבֵּר, הַכֹּל לַכֹּל אִיז עֶר' – אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

שְׁטַארְקְט זִיךְ מִיט אֱמוּנָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דָאס וֶועט אַייךְ מְתַקֵּן זַיין. דֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמוּנָה, סִימָן לג): "עַל יְדֵי אֱמוּנָה, הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא יִסְלַח לְךָ עַל כָּל עֲווֹנוֹתֶיךָ", דוּרְךְ אֱמוּנָה וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דִיךְ מוֹחֵל זַיין אוֹיף אַלֶע דַיינֶע עֲבֵירוֹת; רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, בֶּעט אוֹיף אֱמוּנָה, בֶּעט: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ אַ קְלָארֶע לוֹיטֶערֶע אֱמוּנָה? הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶוען וֶועל אִיךְ שׁוֹין זוֹכֶה זַיין דִיךְ צוּ שְׁפִּירְן, דִיךְ צוּ זֶען אוּן נָאר פוּן דִיר טְרַאכְטְן, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נָאר דִיר, אִיךְ וִויל זִיךְ צוּרִיקְקֶערְן צוּ דִיר, הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ וִויל נִכְלָל וֶוערְן אִין דִיר"; אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אַלֶע תִּיקוּנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּשַׁלַּח תשפ"ג)

## סימן טוב ומזל טוב

החתן מו"ה **שמואל אייזיק** הי"ו בן
מו"ה **שמעון עוזר פערל** שליט"א
גבאי ביהמ"ד היכל הקודש ירושלים
צו זיין שידוך שליסן למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **יוסף סאקס** שליט"א
מלמד מומחה בתלמוד תורה היכל הקודש טבריה

***

החתן מו"ה **שמואל** הי"ו בן
מו"ה **זלמן לייב אייכנשטיין** שליט"א
צו זיין שמחה למזל טוב עב"ג
בת מו"ה **שמואל לייב פעלבערבוים** הי"ו

***

מו"ה **מרדכי אהרן היילפרין** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

***

מו"ה **אשר בער אינדארסקי** הי"ו
צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב

***

מו"ה **שלום שניטצלער** הי"ו
צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

# סעודת הילולא צו די יארצייט פון מוהרא"ש זי"ע

די יומא דהילולא קדישא פון כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע איז אויסגענוצט געווארן דורך אידן איבער דער גארער וועלט בכלל, און דורך אנשי שלומינו בפרט, זיך צו דערמאנען די ליכטיגע זכרונות פון מוהרא"ש און צו איבער'חזר'ן זיינע הייליגע לימודים און עס אנהאלטן אויך אויף ווייטער.

אין לויף פון זיין גאנצן הייליגן לעבן האט מוהרא"ש נאר געוואלט איין זאך, און אויף דעם האט ער געארבעט טאג און נאכט, אריינצוברענגען די לימודים פון הייליגן רבי'ן אין יעדע אידישע הויז איבער די גאנצע וועלט. צו שטארקן און מחזק זיין יעדן איד אז ער זאל וויסן און געדענקען אלעמאל אז דער אייבערשטער איז שטענדיג מיט אים, און אין סיי וועלכע מצב א איד געפונט זיך נאר קען ער אייביג זיין נאנט צום אייבערשטן, און ער קען זיך שטענדיג צוריק קערן צום אייבערשטן.

יעצט, אין די צייט פון די יומא דהילולא קדישא, דערמאנען זיך אידן ווי אזוי זיי האבן באקומען חיזוק פון די הייליגע ספרים און קונטרסים פון מוהרא"ש במשך די אלע יארן, און נוצן אויס די צייט ווייטער ממשיך צו זיין צו לערנען די הייליגע ספרים און צו מקיים זיין וואס דארט שטייט, און מיט דעם זיך איינקויפן א פרייליך און גליקליך לעבן ברוחניות ובגשמיות.

דורכאויס די גאנצע וואך, ובפרט אין די טאג פון יארצייט, האבן פילע אידן פון איבער די גאנצע וועלט פוקד געווען דעם ציון הקדוש אין יבנאל און זיך אויסגעבעטן בדבר ישועה ורחמים, אזוי ווי מוהרא"ש האט צוגעזאגט אין זיין צוואה אז ווער עס וועט מתפלל זיין ביי זיין קבר וועט ער זיך משתדל זיין צו איינרייסן און פועל'ן פאר יענעם א ישועה. פילע האבן זוכה געווען אויסצוזאגן גאנץ תהלים בלי הפסק ביים ציון הק', אזוי ווי מוהרא"ש האט מבטיח געווען און געהייסן דאס אויסקריצן אויף זיין מצבה אז יעדער וואס דארף א שידוך וואס וועט דארט אויסזאגן גאנץ תהלים לזכותו, וועט זיכער געהאלפן ווערן מיט א שידוך בקרוב ובניקל.

מוהרא"ש האט געשריבן אין זיין צוואה אז אזוי ווי ביי זיין לעבן זענען אידן נתעורר געווארן צו תשובה דורך אים, די זעלבע וועט אויך זיין נאך זיין הסתלקות אז ווער עס וועט קומען צו זיין קבר וועט נתעורר ווערן תשובה צו טון און זיך צוריק צו קערן צום אייבערשטן. און דאס האט ספעציעל געקענט זען יעצט ביי די יומא דהילולא, די געוואלדיגע התעוררות וואס האט געהערשט אויפ'ן פלאץ, ווען פילע אידן האבן שופך שיח געווען און זיך אויסגעגאסן דאס הארץ ביים ציון הקדוש.

דאהי' אין אמעריקע איז פארגעקומען דער צענטראלער סעודת הילולא דעם דינסטאג נאכט בבית מדרשינו אין וויליאמסבורג. עס זענען זיך צוזאמגעקומען פילע הונדערטער אידן פון איבעראל זיך צו שטארקן אינאיינעם אין דעם געהויבענעם טאג. ביי די סעודה האט מען געהערט דברות קודש פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט ארויסגעברענגט ווי שטארק מיר דארפן דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס מיר האבן באקומען אז מיר האבן געהאט מוהרא"ש מיט אונז וואס האט אונז געלערנט די הייליגע לימודים פון רבי'ן, און די לימודים זענען ווייטער חי וקים, מיר דארפן עס נאר ווייטער לערנען און חזר'ן.

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט אז ווען ס'קומט צו רעדן פון מוהרא"ש, איז דאס זייער שווער, מוהרא"ש האט אונז אזויפיל געגעבן אין לעבן, ער האט אזוי סאך געהאלפן אזויפיל אידן איבער די וועלט, אז ס'איז ממש נישט מעגליך דאס אראפצוברענגען און איבערדערציילן, כל המוסיף גורע, וויפיל מ'וועט רעדן וועט קיינמאל נישט זיין גענוג. דעריבער איז דער עיקר צו רעדן פון די לימודים און די עצות פון מוהרא"ש, ווי אזוי מיר קענען זיך שטארקן אין זיי און דאס ווייטער פארשפרייטן, דאס זענען די גרעסטע מופתים פון מוהרא"ש, און דאס איז וואס מיר דארפן חזר'ן כסדר. אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט אויפ'ן רבי'ן, אז די עיקר מופתים וואס מ'האט געזען ביים רבי'ן איז געווען אז יעדער איד וואס איז געקומען צום רבי'ן, ער האט אויסגעהערט און גענומען די עצות פון רבי'ן, איז געווארן איבערגעדרייט צו א נייער מענטש, ער איז געווארן אן אמת'ער ערליכער איד. דאס איז אן אמת'ער רבי, דער וואס קען העלפן אידן, ער קען אין זיי אריינברענגען א ריינע אמונה, ער קען אין זיי אריינברענגען א שטארקייט און א פרישקייט זיך שטענדיג אויפצוהויבן און זיך שטארקן צו דינען דעם אייבערשטן. לאמיר זיך שטארקן מיט אלע עצות וואס מוהרא"ש האט אונז געלערנט, וועט אונז זיין גוט אויף די וועלט און אויף יענע וועלט.

מיר טארן דאס אבער נישט האלטן נאר פאר זיך, יעדער פון אנשי שלומינו ווייסט ביי זיך ווי אזוי ער האט אויסגעזען איידער ער האט געטראפן דעם הייליגן רבינ'ס עצות, ווי אזוי די ספרים, קונטרסים, און דרשות האבן אים אויפגעלעבט, אים געוויזן אז ער קען נאך מצליח זיין, אים געגעבן א וועג ווי אזוי זיך אומצוגיין אין לעבן אין יעדן פרט ופרט, ברוחניות ובגשמיות, און ווי אזוי די דיבורים שלעפן אים יעדן טאג צוריק נאכאמאל צום אייבערשטן, און דאס דארף אונז מעורר זיין אז עס זענען נאך דא אזויפיל אידן וואס קענען דאס נוצן אין לעבן, וואס קענען געהאלפן ווערן מיט אלע זייערע פראבלעמען מיט וואס זיי מוטשען זיך, און דעריבער דארף מען עוסק זיין אין הפצה, יעדער דארף נעמען א חלק אין פארשפרייטן דעם רבינ'ס לימודים פאר נאך אידישע קינדער.

דער בית הדפוס גייט אן מיט'ן פולסטן ברען, הונדערטער טויזנטער ספרים, קונטרסים, גליונות, ווערן געדרוקט און פארשפרייט וואך איין וואך אויס, און דאס קאסט אפ שווערע געלטער, דארף יעדער נעמען א חלק אין דעם,

<<<<<<


## בלייב אין גן עדן

דו קענסט האבן א לעבן פון גן עדן אויף די וועלט, א געשמאקע פרייליכע צופרידענע גליקליכע לעבן ברוחניות ובגשמיות

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 9, 1, 94**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, "עצתו אמונה", דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

און מיר וועלן פרובירן בעז"ה עס צו שיקן צו אייך אהיים

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**
845-351-0910 / 212-444-9191
ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080
בעלגיע 3235003461 / ארגענטינא 1152354370
צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעסעפיס; און נאך**
845-351-9060 /212-444-9169
ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090
בעלגיע 3235003462 / ארגענטינא 1152354380
חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**


הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב ע"י הרוצה בעילום שמו, לעילוי נשמת כ"ק מרן מוהרא"ש זצוק"ל, רבינו אליעזר שלמה בן מנחם זאב

< BreslevCenter.com >